און רוחניותדיקע שירים, און זינגט און שפּילט אין
2 אייער האַרץ צום האַר; גיט אַלעמאָל אָפּ אַ שבח צו
ג־ט און דעם פֿאָטער פֿאַר אַלעם אין דעם נאָמען
2 פֿון אונזער האַר ישוע המשיח; און אונטערטעניקט
זיך איינס צום אַנדערן אין דער יראה פֿונם
משיח.
2: זאָלן די פֿרויען זיין (אונטערטעניק) צו זייערע
2: אייגענע מענער ווי צום האַר, ווייל דער מאַן
איז דער קאָפּ פֿון דער פֿרוי, ווי אויך דער
משיח איז דער קאָפּ פֿון דער קהלה; ער אַליין
24 איז דער רעטער פֿונם גוף. נאָר ווי די קהלה
איז אונטערטעניק צום משיח, אויך אַזוי זאָלן די
25 פֿרויען (זיין) צו די מענער אין אַלעם. איר מענער,
האָט ליב אייערע פֿרויען, ווי אויך דער משיח
האָט ליב געהאַט די קהלה, און זיך אַוועק־
26 געגעבן פֿאַר איר, כדי ער זאָל זי הייליקן, האָבנדיק
זי טהור־געמאַכט דורך דער טבילה פֿון וואַסער
27 מיט דעם וואָרט; כדי ער זאָל אַוועקשטעלן פֿאַר
זיך די קהלה אַ הערלעכע, וואָס האָט נישט קיין
פֿלעק אָדער קנייטש אָדער עפּעס דאָס גלייכן, נאָר
28 אַז זי זאָל זיין הייליק און אָן אַ פֿעלער. אויך אַזוי
זענען די מענער מחויב ליב צו האָבן זייערע פֿרויען ווי
זייערע אייגענע קערפּערס. ווער עס האָט ליב זיין
29 אייגענע פֿרוי, דער האָט זיך אַליין ליב; וואָרום קיינער
האָט נאָך קיינמאָל נישט פֿיינט געהאַט זיין אייגן
לייב, נאָר ער שפּייזט עס און פֿלעגט עס אַזוי, ווי
30 אויך דער משיח די קהלה; ווייל מיר זענען גלידער
31 פֿון זיין גוף. דערפֿאַר וועט אַ מענטש פֿאַרלאָזן דעם
פֿאָטער און די מוטער, און זיך באַהעפֿטן מיט זיין ווייב,
32 און די צוויי וועלן זיין איין פֿלייש. (בראשית ב׳, כד׳)
דאָס דאָזיקע איז אַ גרויסער סוד, איך רעד אָבער